## ווי בלימעלאך אין רעגן

אַרום איז מיין שטיבעלע,
מיט אַן אַלטן דאך,
וואַקסן אין איר קינדערלאך,
קלייניקע אַ סך.

גייט אין גאַס אַ רעגנדל,
ווערט אין שטיבל נאַס,
לויפן מיינע קינדערלאך
שפּילן זיך אין גאַס.

גייט אין גאַס אַ רעגנדל,
גייט ער זיי אַנטקעגן;
וואַקסן מיינע קינדערלאך,
ווי בלימעלאך אין רעגן.

## זינגט דער פויגל

איי־לי־לי־לי, מיין קינד, שלאָף איין,
עס זינגט דער פויגל זיך אַליין,
אַז דו, מיין קינד, דאַרפסט שלאָפן גיין,
מוז דיין מאַמע זינגען דיר:
— איי־לי־לי־לי, שלאָף איין.

הינטערן טיר, אין וואַנט, דער גריל,
זינגט און זינגט פאַר דיר און מיר;
זינגט פון ווינטער, זינגט פון גוטס,
זינגט און זינגט און ווינקט זיך איין:
— איי־לי־לי־לי, מיין קינד, שלאָף איין.

שווימט אַ פישעלע אין טייך,
אַ גאָלדן פישעלע אין טייך,
כוואַליע אויס און כוואַליע איין;
זינגט דער טייך און וויגט זי איין:
— איי־לי־לי־לי, מיין קינד, שלאָף איין.

שלאָפט אַ בערעלע אין וואַלד,
אַ קליין בערעלע אַליין,
קומט די מאַמע־בער צוגיין,
זינגט דער וואַלד און ווינקט זיי איין:
— איי־לי־לי־לי, מיין קינד, שלאָף איין.

## צו ערד

הארץ צו הארץ מיט דיר,
פארוויג מיך, זיסער שלאף,
איך וועל חלומ'ען אין דיר
מיין אָנהייב און מיין סוף.

איך הייב זיך שווער פון דיר,
שמרעס מיר מיינע פיס;
ניט פירט מיך, פיס אוועק,
אין שווערן וואנדערוועג.

אין שווערן וואנדערוועג,
בא שטראָמען פעביק־שווארץ,
ווייגט דער נאכטיגאל,
ווייגט אים צום טויט זיין הארץ.

איך גיי נאָר אום אומיסט,
מעסט אים ברייט נאך בריק;
איך ליג בא דיינע פיס,
ניט וועק מיך מער צוריק.

מיין בליק איז היים און רויט,
מיין שטערן קאלט און טויט;
רעגן, פאל אויף מיר,
קוש מיינע וויעס אוים.

באטרינק מיך מיט דיין וויין,
רו, ערד, מיין הארץ שטיל איין.

## פונוואנען

פונוואנען, אוי, פונוואנען,
נאַך, ווייַנענדיקער ווינט,
צי קומסטו פון די פעלדער,
און האסט דארט געהערט מיין קינד?

פארנומען דארט זיין קול,
פון אונטער קאלטן שטיין,
און רייסט דורך נאכט מיין פענצטער,
און ברייגסט מיר זיין געוויין?

יעדן טאָג דער רעגן,
גריזשעט אויף מיין טיר;
יעדן טאָג דער טרויער,
נאַכט אין הארץ בא מיר.

און דורך די נעכט די ווינטן,
ווי וואויענדיקע הינט; —
מיך שרעקן טעג און נעכט,
אוי, ביוויל צו דיר, מיין קינד.

# מײַן בערגעלע

די לופֿט דאָ אַזוי גוט און שטיל,
און װײַך דאָס גראָז צום ליגן.
און בײַ מײַן זײַט אַ בערגעלע —
איך קום באַנאַכט אים װיגן.

דאָ שטײען בערגעלאָך אַ סך,
בערגעלאָך אײנזאַמע;
נאָר בײַ מײַן זײַט דאָס בערגעלע,
דעם בין איך אַ מאַמע.

דורך לבֿנה'דיקע נעכט,
בין איך דאָ געזעסן,
לבֿנה־סודות אױסגעהערט,
און האָב זיך שיעור פֿאַרגעסן,

אַז נישט די לבֿנה הילט איך דאָ,
נישט די בערגעלאָך אײנזאַמע;
נאָר דעם קלײנעם בערגעלע,
װאָס אים בין איך אַ מאַמע.

# אַזאַ פֿרײד

דײַן געבורטס־טאָג הײַנט, מײַן קינד,
און דער טאָג איז אַזאַ שטילער הײַנט, מײַן קינד,
און דער טאָג איז אַזאַ װײַסער הײַנט, מײַן קינד.
איבער שטילן טאָג,
איבער װײַסן טאָג,
פֿליִען קראָען אום,
טאַנצן קראָען אום; —
זעכצן שװאַרצע קראָען אין אַ קאָן.
דײַנע זעכצן יאָר, מײַן קינד,
אין שװאַרצן אָנגעטאָן.
צײל איך זעכצן יאָר, מײַן קינד,
אין שװאַרצן אָנגעטאָן..
אַ־האָ! בין איך אַ מאַמע שױן
פֿון אַ זעכצן יאָריק קינד!
װעמען נאָר דערצײלט מען אַזאַ פֿרײד?
צי דעם שנײ, װאָס אױף דײַן קבֿר,
צי דעם שטילן טאָג,
צי דעם װײַסן טאָג?
— אַזאַ פֿרײד!

# דערפֿאַר.

דערפֿאַר וואָס בוים טוליעט זיך צו בוים,
און באַרג צו באַרג,
און גראָז צו גראָז,
דערפֿאַר בּיינק איך נאָך דיר.

דערפֿאַר וואָס שטערן שפּילן זיך מיט שטערן,
און רוימען אַרום זיך מיט זילבערנע סודות,
דערפֿאַר בּיינק איך נאָך דיר.

דערפֿאַר וואָס נאַכט בריינגט מיט זיך חלומות,
און וויקלט איין די וועלט אין ציטערדיקער
בּיינקשאַפֿט,
דערפֿאַר בּיינק איך נאָך דיר.



## גראַגער

גראַגער, גראַגער,
גראַן, גראַן, גראַן!
אַמאָל איז געווען
אַ שלעכטער מאַן.

המן איז געווען
דער שלעכטער מאַן;
עס ווינען נאָך המנס
אויך איצט פֿאַראַן.

אַמאָל געווען,
אויך איצט פֿאַראַן;
גראַגער, גראַגער,
גראַן, גראַן, גראַן!